בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' טהרה | ר"ח ניסן | תשע"א | פסחים: ע"ד ע"ב

**גאסט ארטיקל**

לכבוד די חשובע לייענער'ס שיחיו; פאלגענד ציטירן מיר דא א מאמר וואס ערשינען אין "דער בלאט" דעם פארגאנגענעם וואך, וואס צוליב איר אקטועלקייט און וויכטיגקייט האבן מיר איינגעזעהן פאר וויכטיג עס אראפצובעגען פאר אונזערע חשובע לייענער און סובסקרייבער.

מיר האפן עווענטועל מיט די צייט אראפצוברענגען מערערע אקטועלע און וויכטיגע מאמרים און נייעס וואס איז נוגע למען חיזוק היהדות וענינם שונים.

# נאך ליזענסק פאר מירון...

***ש.ב. מרגליות***

אין די טעג האבן זיך טויזענטער אידן אהיימגעקערט פון פוילן נאכן זיין אין ליזענסק ביים ציון הק' פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, און האבן מעתיר געווען פארן כלל און פארן פרט. זאל השי"ת העלפן אז זייערע תפילות זאלן האבן נתקבל געווארן לרחמים ולרצון לפני אדון כל, און עס זאל שוין זיין בעסער פאר אידישע קינדער בכל פרט ופרט.

דאס קומענדיגע מאל וואס אזא ערשיינונג טוט זיך איבער'חזר'ן, ווען מ'זעהט ווי טויזענטער אידן מכל פינות העולם הייבן זיך אויפן פליגער און קומען זיך צונויף אויף איין פלאץ מיטן ציהל צו מעתיר זיין פאר ישועתן של ישראל, איז ל"ג בעומר, ווען אלפים מישראל פארן קיין מירון צום ציון פונעם תנא האלקי רבן שמעון בן יוחאי, און מ'איז זיך דארט מקשר מיט דעם הייליגן תנא, און מ'בעט זיך אויס אלעס גוטס.

עס דארף דערמאנט ווערן; ביזן היינטיגן טאג זענען נאך דא אסאך אידן, וואס כאטש זיי זענען כסדר עוסק בתורתו ומשנתו פונעם תנא אלקי רשב"י זי"ע, און זיי האלטן זיך מקושר צום כח פון דעם תנא, און זייער רגש און געגועין איז מיט גארנישט וויינציגער ווי אנדערע טויזענטער אידן וואס פארן קיין מירון, דאך זענען זיי אבער מוותר אויף די התרוממות'דיגע נסיעה, שפירנדיג אזא שנאה צו די

ציוני׳סטישע מדינה, און זיי ווילן פאר יעדן פרייז אנהאלטן דאס התבדלות מיט די כפירה הציונית, אזוי ווייט אז זיי ווילן נישט באטרעטן דעם באדן פון זייער מדינה הטמאה עד ביאת הגואל צדק.

כאטש מיר שטייען יעצט נאך ערב ראש חודש ניסן, און עס שטייט אונז נאך פאר א געהויבענער לעכטיגער יו"ט פסח, איז אבער אויך יעצט די צייט ארויפצוברענגען אויפן טיש א נושא וואס דארף אונז מעורר זיין חומר למחשבה. טאקע יעצט אהיימקומענדיג פון ליזענסק, און נאך איידער מען הייבט אן צו ׳בוקן׳ טיקעטס קיין מירון אויף ל"ג בעומר.

*

לאמיר צוגיין גלייך צום פינטל.

די וואך איז באריכטעט געווארן א נייעס אז די ׳רשות התעופה האזרחית׳ האט אוועק גענומען דאס עקזיסטענץ רעכט פון די ׳סאן דור׳ פלי געזעלשאפט צו עקזיסטירן אלס זעלבסטשטענדיגע לופט-ליניע, און פון קומענדיגן אפריל 1 קען זי ווייטער מער נישט אנגיין מיט אירע געווענליך פלי-רייזעס פון מדינת ישראל קיין אייראפע.

עס איז נישט אונזער עסק די מאטיוון דערפון, און די שריט וואס די געזעלשאפט וויל אונטערנעמען, זאל זיי זיך ספראווען מיט זייערע פראבלעמען. אבער איין פונקט פון די גאנצע זאך איז אונז דוקא יא שטארק נוגע.

ווי מיר האבן שוין עטליכע מאל אויפגעברענגט ביי פארשידענע געלעגנהייטן איז די ׳סאן דור׳ געזעלשאפט די מאסקע פאר די ציוני׳סטישע ׳אל על׳ געזעלשאפט. אזוי ווי אל-על וויל זיך נישט פארטשעפענען מיט אירע חרדי׳שע רייזענדע, און וואוסענדיג אז מיטן פארן רעגלמעסיגע רייזעס אום שבת ווערן די חרדים אויפגעשטורעמט, ווייל דאס הייסט אז די מדינה טוט "סימבאליש" פארשוועכן דעם שבת קודש, האבן זיי זיך אן עצה געגעבן מיטן ערקלערן אז בעצם יום השבת וועט זיך נישט הייבן קיין פליגערס מיטן בלוי און ווייסן סימבאל, ווייל נאר דאס הייסט חילול שבת, אנשטאט דעם ווערן אלע רייזעס געפירט דורך סאן-דור.

עס איז איבריג ארויסצוברענגען אז דאס איז א געמיינער פורים-שפיל אויפן חשבון פון שבת קודש. דער חיוב ערבות פון כלל ישראל פון איין איד צום צווייטן איד איז נישט קיין סימבאלישע זאך, ׳מחלליה מות יומת׳ מיינט נישט דוקא הייבן א פליגער צו די וואלקענעס, נאר אויך אנצינדן און אויסלעשן מאשינען, וואשן און פוצן די פליגער, פארקויפן טיקעטס, האלטן אפן אפיסעס, אנגיין מיטן געהעריגן מקח וממכר, אלעס זענען די זעלבע אב מלאכות, און די אלע מלאכות ווערן געהעריג געטון שבת ווי א גאנצע וואך אינערהאלב ׳אל על׳.

די אלע מערכות וואס ווערן געפירט דורך געוויסע עסקנים וואס וועקן זיך אויף מזמן לזמן און שטורעמען קעגן אל-על וואס האט שוין ווידער מחלל שבת געווען איז בלאף און שקר! די עסקנים ווייסן גאנץ גוט אז אל-על איז אפן שבת, אלעס ארבעט שבת, אלע פליגערס ווערן צוגעגרייט אין שבת, און ביים רגע פונעם ערשטן זמן מוצש"ק הייבט זיך שוין א פליגער ארויס, אלעס מתוך חילול

שבת גמור, וואו אין די הלכה טרעפט מען חילוקים צווישן חילול שבת סתם, צי א סימבאלישער חילול שבת?!

דער זעלבער פורים-שפיל חזר'ט זיך איבער מיטן גרינדונג פון סאן-דור, ווען אל-על אונטער איר אייגענע רשות האלט אויף די געזעלשאפט "לכבוד שבת קודש", אלע אל-על קאסטומערס וואס ווילן א שבת'דיגע רייזע באקומען דאס דורך די 'מאסקע', און די מעלה פון 'סאן-דור' איז אז דער סימבאל פון די בלוי און ווייסער מגן דור איז צוגעדעקט.

אין אנדערע ווערטער, נישט דער כבוד פון שבת איז זייער פראבלעם, נאר דער כבוד פונעם בלוי-און ווייסן מגן דוד...

צו פארשטיין אין קורצע ווערטער וואס איז דער ציהל פון "סאן דור" פלי געזעלשאפט, דארפן מיר נישט מער ווי צוטירן דעם אויסדרוק פון אל-על, ווי אזוי זיי בא'טיטול'ן די געזעלשאפט "לטוס עם, ולהרגיש בלי", ד.מ. צו פליען מיט אל-על און זיך שפירן ווי מ'פארט נישט מיט זיי, דאס איז געווען דער טריק ווי אזוי זיי האבן געטראפן דעם וועג ארויס פון דעם פלאנטער מיט די פרומע, און ליידער לחרפתינו ולבשתינו, זענען די חרדי'שע מעקלערס, די וואס האנדלען מיט די תורה, און מאכן אלע סארט פשרות און קנוניא'ס אויפן חשבון פון די תורה, איינגעגאנגען אויף דעם לצנות און מיט דעם געגעבן א זיגל אז אל-על זענען שומרי שבת, און דאס איז א לכתחילה'דיגע געזעלעשאפט פאר היימישע אידן.

אין רעזולטאט פון די געשעהעניש דערזעהט זיך אל-על אין א פראבלעם ווען איר מאסקע איז פון איר אראפגענומען געווארן, און זי שפעקולירט וואס צו טוהן, אין די צייט וואס זי זוכט זיך נישט צו פארטשעפענען מיט די חרדים, אבער זי קען זיך אויך נישט ערלויבן צו האלטן שבת.

אין איינע פון די נייעס באריכטן איז צוטירט געווארן א רעאקציע פון א 'מסורתי' וואס פארט כסדר מיט 'אל על', איבער די מעגליכקייט אז אל על וועט מוזן בלית ברירה צוריק איינשטעלן אירע פלי-רייזעס אום שבת: "אל-על קען נישט פארשוועכן דעם שבת, אל על איבער די וועלט איז נישט קיין פלי-געזעלשאפט, אל-על איז מדינת ישראל! און דאס וואס אל-על טוט דאס טוט מדינת ישראל! טא, קומט אויס אז ווען איך פאר מיט אל-על ערקלער איך דערמיט מיין הסכמה אז אל-על און מדינת ישראל איז אפעציעל מחלל שבת, ניין, איך וועל דאס נישט טון".

אט דער איצטיגער מצב איז א פאסיגער זמן ווען מיר זאלן דאס אויסנוצן פאר התבוננות.

*

עס איז ליידער א מציאות אז עס זענען דא אסאך אידן - אויך צווישן די וואס רופן זיך אן אלס חסידים ומוקירי זכרו פון רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע - וואס ווען עס קומט זיי אויס בעסער, ביליגער און באקוועמער, באנוצן זיי זיך מיט די ציוני'סטישע אל-על לופט-ליניע.

עס איז באמת זייער ווייטאגליך, ווייל כאטש וואס עס פעלט נישט קיין תירוצים פאר ווער עס זוכט תירוצים, איז נאך אלס דער פאקט ווי יענער 'מסורתי' האט געזאגט "אל-על איז די מדינה, און אל-על שטעלט פאר מיט זיך די מדינה".

עס איז א מציאות וואס טוישט זיך נישט אז אל-על איז די נאציאנאלע לופט-געזעלשאפט פון מדינת ישראל, איר סימבאל איז דער דגל הציוני, און א געטרייער ציוני'סט וועט נישט ארויסלאזן די מעגליכקייט פון פארן מיט אל-על, און ארויסווייזן זיין נאציאנאליסטישקייט מיט דעם וואס ער פארט נאר מיט די לופט-ליניע.

גענוי ווי א ענגלישער פאטריאט פארט מיט בריטיש ערוועיס, א שווייצער פארט מיט סוויס-עיר, א פראנצויז מיט עיר-פראנס, און א בעלגישער מיט דעלטא, און א אונגארישער עם מאלעוו, געווי אזוי א ציוני פארט מיט אל-על.

ביזן היינטיגן טאג האט נאך די מדינת השמד מער ווי 50% שער'ס אין די לופט-געזעלשאפט, און דער קשר אמיץ צווישן אל-על און די מדינה דאס איז נישט אנדערש געווארן, דאס איז געווען און געבליבן כתרי ריעין דלא מתפרשין.

איז יעצט די ווייטאגליכע שאלה:

"וואס האט א סאטמארער חסיד צו זוכן אויף אזא פליגער?! ווי אזוי קען א סאטמארער חסיד זיך אריינזעצן און באקוועם מאכן אינעם פליגער וואס איז דער שטאלץ פון די ציוני'סטישע מדינה, אויף איר פלאטערט דער ציוני'סטישער פאן, און כל כולה איז פאטריאטיזם פאר די ציונים?!".

עס איז אמת אז אל-על איז צומאל ביליגער אין פרייזן פון אנדערע, עס איז אויך אמת אז זיי זאגן אז זיי שטעלן צו בעסערע סערוויס פאר פרומע אידן אויף זייערע פליגערס, אבער דאס האט דאך א סיבה, עס איז נישט אזוי פשוט אז די ציוני'סטישע געזעלשאפט זאל וועלן געבן 'סערוויס' פארן פרומען ציבור על לא דבר, אז זיי ווילן געפילן פאר אונז מיינט דאס אז עס איז פאר זייערע אינטערעסן אז מיר זאלן וועלן פארן מיט זיי, זיי ווילן אונז אויך זעהן פאטריאטיש פאר די מדינה, און דאס אליין דארף שוין זיין גענוג א סיבה אז דאס זאל זיין ביי אונז מאוס ונמאס.

די מדינה טוט כסדר כל טצדקי שבעולם צו פארזיכערן אז אלע אירע בירגער פארן מיט אל-על, יעדער חבר הכנסת אדער שר אין די מדינה מוז פארן מיט אל-על, אין די מיליטער צאלט מען נישט קיין טיקעט פאר קיין שום סאלדאט נאר אויב ער פארט מיט אל-על. דאס טראגט ביי זיי א מורא'דיגע חשיבות, און דאס ציינט אז מ'טוט זיך מיט זיי אידענטיפיצירן.

אנעם אריינגיין אין קיין הסברים, און אן טראכטן צי דאס איז אסור עפ"י הלכה, איז אבער קלאר אז א סאטמארער אינגערמאן וואס גייט נישט צום כותל, ווייל ער וויל נישט מחזק זיין די רשעים, און ער וויל נישט אנערקענען אין זייער מלחמה און מכלומרש'טע נצחונות, האט אוודאי נישט וואס צו פארן מיט זייער לופט-ליניע.

אין קלארע ווערטער, איינער וואס האט פיינט די ציונים, אינגער וואס גייט בשיטת התבדלות מרשעים און ער זיך צו דערווייטערן פון יעדע זאך וואס האט שייכות מיט זייער קליפה, דער 'קען נישט' פארן מיט אל-על!

דאס איז שוין אויסער דעם פראבלעם וואס דער טמא'נער סימבאל איז אויפגעשריבן אויף איר, וואס איז ידוע די הייליגע ווערטער וואס רביה"ק זי"ע שרייבט אין ספה"ק דברי יואל (פר' במדבר דף ק"ב)

"כשם שהדגלים שהם מצד הקדושה ובכח התוה"ק מעלתם גבוה מאד על כל המעלות והשבחים שנשתבחו בהן בנ"י כן לעומת זה הדגל שהרימו כוחות הטומאה באה"ק שהוא ההיפך מדרך התוה"ק וההיפך מרצון השי"ת סמל הקנאה של עקירת הדת והאמונה מאחב"י פשיטא שדגל זה גרוע מהכל, כי הוא מורה על מרידה בהקב"ה והתרחקות מדרך התורה והאמונה, והוא דגל המינות והאפירסות אשר הניפו במרד ובמעל אנשים הכופרים בה' ומרימים יד בתורת משה, ואי"ז דומה לדגליהם של אומה"ע, כי אצלם זה מורה על חלקם וגורלם של יצב גבולות עמים, משא"כ כאשר ישראל עושים לעצמם דגל שלא ניתן להם ולא נפל לחלקם ולגורלם אלא הם עצמם עשוהו ע"י כוחות הטומאה הס"מ וגונדא דילי' ה' ישמרינו אזי דגל זה הוא מקור הרע והכפירה".

"ובלתי שום ספק דבית שיש בו איזה זכר כל שהוא מאותו דגל אסור לכנס בו, כי הוא מדור לכוחות הטומאה שם הרגיעה לילית בו משכן המינות והאפיקורסות ודגל המינות מורה עליו ה"י מהם ומהמונם, ומי שי"ל ח"ו קצת שמחה בלב מדגל המינות ה"ז סימן שנכרת לגמרי ממקור הקדושה".

און מיר גייען שוין בכלל נישט אריין אין די נושא פון חילול שבת, וואס סיי צי עס איז יא דא סאן-דור, און סיי עס איז נישט דא גייט אן געהעריג חילול שבת אין די געזעלשאפט, ווי קען א איד וואס איז מקפיד צו קויפן ספרים "שאין בו חשש חילול שבת" גיין שטיצן און האנדלען מיט אידן וואס די קאמפאני זענען מחללי שבתות"?!

עס מעג צוגעלייגט ווערן א עפיזאד איבער דעם ענין, וואס עס האט דערציילט איינער פון די חשוב'ע רבנים זצ"ל אין אמעריקע וועלכער איז געפארן קיין ארץ ישראל צום בעלזער רב זצ"ל אויף שבועות תשי"ג לפ"ק. זייענדיג אין בני ברק האט ער געוואלט קענען דעם גרויסן גאון בעל חזון איז זצ"ל איז ער אריבער געגאנגען שלום נעמען, פרעגט אים דער חזון איש פארוואס ער איז געקומען קיין ארץ ישראל? האט ער געענטפערט אז ער איז א בעלזער חסיד און ער איז געקומען צום רבי'ן אויף יו"ט, פרעגט אים דער חזו"א, ווי אזוי זענט איר געקומען? האט ער געענטפערט מיטן "שלום" שיף (דאס איז געווען די ציוני'סטישע ים-ליניע) האט זיך דער חזון איש אנגערופן בזה"ל "מיט אייער געלט שטיצט איר דאס אפ'שמד'ן אידישע קינדער און מיט דעם זענט איר מקיים דעם חייב אדם להקביל פני רבו ברגל?!..."

טייערע ברודער, יעדעס ווארט איז איבריג, מ'פארט קיין מירון, מ'פארט צו רבי שמעון, מ'פארט פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער, מ'פארט אהיימברענגען רפואות, אבער וואו גייט אייער געלט?! ווען שטיצט איר ביים קומען קיין ארץ ישראל?! מיט וועמען טוט איר זיך אידענטיפיצירן אויפן וועג קיין ארץ ישראל?!

עס איז וויכטיג אז די וועלט זאלן נאך היינט געהערט ווערן און דערהערט ווערן, די אלע היימישע אידן וואס פארן אויף ל"ג בעומר זאלן געדענקען צו פרעגן און זאגן קלאר פאר די טראוועל-אגענטן, "נישט אל-על!", און עס זאל בלייבן א פלעק און א בושה פאר א היימישן איד וואס באנוצט זיך מיט זייער ליניע.